# „פערדיענט עולם־הבא.

מיר האט זיך געחלומט, אז איך בין געשטארבען
(פון הארצוועהטאג — נים פאר קיין מענשען גדאכט! —
די קראנקהייט האט פיעל שוין מחברים פערדארבען,
א תל פון פיעל יודישע־קינדער געמאכט...).
איז בין איך געשטארבען... נו, מילא, פערשטעהט איהר,
עס איז דאך קיין חילוק נים — פריהער צו שפעטער:
געקרענקט ווי עס פאסט פאר א יודען, גאנץ שטארק,
און... אים פונ׳ם וועלטעל — אראב פונ׳ם מארק!...
מע האט מיך מלוה געוועזן בכבוד!
דער כאר־חזן האט אויף מיר ביטער געקלאגט
מיט „אל־מלא־רחמים": דער דין רב דוד
האט טאבאק געשטעקט און א הספד געזאגט
נאך איהם דער ראבינער — א רעדע געהאלטען
א לאנגע, א לאנגע, אהן וואג און אהן מאס,
צוויי יודענעס האבען די נעזער געהאלטען
אין פארטוך, צוויי יונגליך — דעם פינגער אין נאז...
עס האבען די פושקעס געקלאפט און געקלונגען,

צעדן פאר תלמוד־תורה־ניקעס זענען אין ריאד
געגאנגען און „צדק לפניו" געזונגען...
בקיצור, געווען א גרויסער פאראד,
א וואזשנע לויה געווען...

און בשעת
מען האט געחלאפאטשעט אזוי ארום מיר,
איז, נעבעך, געשטאנען — „העני ממעש" —
מיין בידנע נשמה אליין ביי דער טהיר,
זי איז ביי טהיר פון גן־עדן געשטאנען,
פעריאמערט, פער׳חושכ׳ט, אין לייד און אין פיין
און גיסענדיג שטראמען־ווייז ביטערע טרעהרען,
געקלאגט פאר דעם מלאך: אוי, לאז מיך אריין!"
„— ארייננלאזען? ווילסט אין גן־עדן? ביסט, כ׳לעבען,
קיין נאר גאר ניט... זאג־זשע מיר, טייערעס קינד,
וואס אויפגעטהון האסטו אזוינס אין דיין לעבען?
מיט וואס האסטו, זאג, עולם־הבא פערדיענט?..."
„אוי, מלאך! איך וויים... כ׳האב אין לעבען פיעל צרות,
פיעל שמערצען געליטען: מען האט מיך געפלאגט,
געשלאגען מיט מיר, לא עליכם, כפרות
פאר פרעמדע עברות, געזידעלט, געיאגט..."

„– ניין, ברודער, מיט דעם וועסטו גארנישט דא מאכען:
ניין, ווייז נאר ארוים עפעס בעסערע זאכען
די סחורה, רב יוד,
וואס דו האסט געבראכט פון יריד״...

אוי, מלאכ׳ל, מלאכ׳ל! לאז מיך צופריעדען,
איך בין דאך נישט מעהר – א מחבר געוועזן –
געאקערט דאס פעלד פון זשארגאן מיט׳ן פען,
געטריבען זשארגאנישע שירים פאר יודען,
עס פלעגט מיך בעגיעסען דער ביטערער שוויים
דעם משקל־השיר מיט די גראמען צו האלטען,
צעזור מיט נקודות... אוי, מלאכ׳ל!... כ׳ווייס,
א חידוש, ווי כ׳האב דאס געקאנט גאר דערהאלטען...״

„הא? וואס? – האט דער מלאך געטהון א געשריי:
וואס הער איך?–ווארט אוים נאר, ווארט אוים .. אהן לצנות:
צעזור מיט א משקל?! אוי, וועה איז מיר, וועה!
דו ביסט דאך א קדוש, אויף מיינע נאמנות! –
זשארגאן מיט א משקל?! זשארגאן מיט צעזור?!
קאפויר אי די וועלט, אי די גאנצע נאטור!...

קום, קרוין מיינע, קום!... ברוך־הבא!
גענוג דיר. דו ביסט שוין מיט צרות גאנץ זאט,
דו האסט אויף דער ערד שוין דיין גיהנום געהאט,
האסט כשר פערדיענט עולם־הבא!"